# פרשת תולדות כ"ו חשון – ב' כסלו תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **נתן גליק** הי"ו, שישב שבעה על פטירת בנו הבחור **מתתי' גליק** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח סימן קנ"ו הל' משא ומתן) בבית מדרשנו הגדול.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של ש"ב בן הרה"ג רבי **משה פלאם** שליט"א אב"ד סטרעטין (פלעטבוש), חתן **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**, עב"ג בת הרה"ג רבי **ישראל מרדכי ראבינאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל דינער השנתי של כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***יום שני פרשת תולדות***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יהושע אריה מענדלאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז רבקה האט זיך מצטער געווען מיט צער לידה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה' (כה-כב). איך האב געזען צוברענגען פון ספר **יעלת חן**, פארוואס האט זי געזאגט למה זה 'אנכי'. זי וואלט געדארפט זאגען למה זה, וואס גייט דא פאר. פארוואס האט זי זיך אריינגענומען אין דעם ענין, און זי האט זיך אפגערעדט פארוואס בין 'איך' אזוי.

**זאגט** ער, ווייל די גמרא (ברכות י.) זאגט, אז דער אייבערשטער האט געשיקט ישעיה הנביא צו חזקיהו המלך, און ער האט אים געזאגט, כי מת אתה ולא תחיה (ישעיה לח-א), מת אתה בעולם הזה, ולא תחיה לעולם הבא. האט חזקיהו געפרעגט, פארוואס קומט זיך מיר אזא גרויסער עונש. האט ישעיהו הנביא געזאגט, ווייל דו האסט נישט עוסק געווען אין פריה ורביה. האט חזקיהו געזאגט, ווייל איך האב געזען, אז איך וועל האבען בנין דלא מעלו, קינדער וואס וועלן נישט זיין ערליך, האב איך זיך ענדערש מונע געווען, און איך האב נישט חתונה געהאט. האט אים ישעיה הנביא געזאגט, ביזט נישט גערעכט. בהדי כבשי דרחמנא למה לך, דו דארפסט טון וואס מען האט דיר געהייסען, און וואס דער רבונו של עולם וועט טון, זאל ער טון. א מענטש דארף גיין בתמימות, נאכגיין די וועגן פונעם אייבערשטען און זיין דעת, כאטש ער פארשטייט נישט וואס איז דער ענין אז ער זאל ברענגען אויף די וועלט קינדער וואס וועלן זיין רשעים. א מענטש איז מחוייב צו טון אלעס וואס ער דארף צו טון, און דאס איבריגע געהערט צום רבונו של עולם.

**האט** רבקה גע'טענ'ט, דאס איז גוט פאר א מאן, וואס איז מחוייב בפריה ורביה, און אז ער איז מחוייב בפריה ורביה, איז ער מחוייב צו טון וואס ער דארף צו טון, אפילו ער זעהט אז ער וועט האבען בנין דלא מעלו. אבער א אשה איז דאך נישט מחוייב אין פריה ורביה, אויב זי זעהט אז זי האט קינדער דלא מעלו, וואס פעלט איר אויס די גאנצע זאך, אז זי זאל ברענגען קינדער אויף די וועלט, וואס וועלן נישט זיין ערליך. זי האט געזען אז ווען זי גייט אדורך על פתחי עבודה זרה איז ער מפרכס לצאת, ותאמר אם כן למה זה 'אנכי'. מילא מיין מאן דארף האבען קינדער, ער איז מחוייב בפריה ורביה אפילו מען האט קינדער וואס זענען בנין דלא מעלו, אבער למה זה 'אנכי', איך בין דאך נישט מחוייב אין פריה ורביה, פארוואס דארף איך ברענגען קינדער אויף די וועלט וואס זענען נישט ערליך. אזוי האב איך געזען צוברענגען פונעם ספר **יעלת חן**, אבער איך האב נישט געזען וואס ער שרייבט ווייטער, וואס איז געווען די תשובה, אז מען האט איר געזאגט, שני גוים בבטנך, ושני לאומים ממעיך יפרדו, ולאום מלאום יאמץ. וואס איז פארענטפערט געווארן די קשיא וואס זי האט געפרעגט למה זה אנכי.

**עס** קען זיין, ווייל די גמרא (עירובין יג:) זאגט, נוח לו לאדם שלא נברא משנברא, פאר יעדן מענטש איז ענדערש אז ער וואלט נישט געבוירן געווארן. תוספות זאגט אבער, אז דאס איז נאר ביי א געוועגליכען מענטש, אבער א צדיק איז אשריו ואשרי דורו, ער איז גליקלעך אז דער אייבערשטער האט אים באשאפן אויף די וועלט, און עס איז אויך א גליקליכקייט פאר די וועלט. אפילו פאר סתם המון עם איז נישט כדאי אז זיי זאלן געבוירן ווערן, אבער ווען א צדיק ווערט געבוירן איז אשריו, און ער טוט שוין דעקן דערמיט אויך דעם דור. - אז זי גייט יעצט האבען צוויי קינדער, איין קינד וועט זיין א רשע, און איין קינד וועט זיין א צדיק, ולאום מלאום יאמץ ורב יעבוד צעיר, זי גייט ברענגען א יעקב אויף די וועלט. צו ברענגען א יעקב אויף די וועלט, מעג מען שוין האבען בנין דלא מעלו אויך, ווייל א צדיק איז דאך אשריו ואשרי דורו, האט מען מיט דעם פארענטפערט דאס וואס זי האט געפרעגט למה זה אנכי.

**ווען** מען זעהט אז מען האט קינדער בנין לא מעלו, און מען וויל נישט אז עס זאל זיין אזוי, וואס קען מען זיך אן עצה געבן, אז מען זאל האבען גוטע קינדער. שטייט אין די גמרא (שבת כג:), אז ווען איינער איז רחים רבנן, ער האט ליב תלמידי חכמים, און ער איז דחיל רבנן, ער האט מורא פאר תלמידי חכמים, הוו ליה בנין רבנן וחתנוותא רבנן, וועט ער האבען קינדער און איידימער תלמידי חכמים. ווען א מענטש איז מכבד תורה באצאלט אים דער אייבערשטער אז ער וועט האבען גוטע קינדער. דאס איז טייטש, אז אפילו בעצם וואלט זיך אים נישט געקומען אז ער זאל האבען בנין רבנן, אבער וויבאלד ער איז מוקיר תורה, באקומט ער בנין רבנן.

**פון** וואו לערנט מען ארויס, אז מען דארף מכבד זיין תלמידי חכמים, ווייל עס שטייט אין פסוק (דברים ו-יג) 'את' ה' אלקיך תירא, לרבות תלמידי חכמים (פסחים כב.). ווען זי האט געזען אז זי גייט האבען קינדער וואס וועלן זיין בנין דלא מעלו, ותלך לדרוש 'את' ה', איז זי געגאנגען דרש'נן דעם 'את' ה' אלקיך תירא, וואס איז מרבה תלמידי חכמים. אויב איך וועל זיין א מוקיר רבנן, וועל איך זוכה זיין אז מיינע קינדער וועלן זיין ערליך.

**וועגן** דעם איז רבקה אוהבת את יעקב (כה-כח), רבקה האט געהאט אזא אהבה צו יעקב. ווייל זי האט געזען אז יעקב איז א תלמיד חכם, איש תם יושב אהלים, ער איז געזעסן און געלערנט. און ווען זי וועט האבען אן אהבה צו יעקב, וועט דאס משפיע זיין אז עשו זאל אויך ווערן ערליך. ווייל ווען א מענטש איז מוקיר רבנן, האט ער דאך קינדער תלמידי חכמים. - ותלך לדרוש את ה', זי איז געגאנגען דרשנ'ן דעם את ה' אלקיך תירא, לרבות תלמידי חכמים. זי איז געגאנגען אין בית המדרש של שם ועבר, זי האט זיך מדבק געווען צו תלמידי חכמים. און נאכדעם וואס יעקב איז געבוירן, און זי האט געזען אז ער איז אן איש תם יושב אהלים, איז רבקה אוהבת את יעקב, האט זי געהאט אן אהבה צו יעקב.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת רייכמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **קלמן** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו (בן הר"ר **משה ווייס** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **יעקב יחזקיה קליין** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **שמואל אפרים גאלד** הי"ו (ק"י), עב"ג בת הר"ר **נפתלי אמסעל** הי"ו (מאנסי), שהתקיים בבית אביו הר"ר **אברהם יודא גאלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת תולדות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק טובי' שפיצער** ע"ה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מבוהוש שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** עס איז די וואך די פרשה פון די ברכות, ויתן לך האלקים מטל השמים. פון די ברכות איז מען נהנה אלע דורות שפעטער.

די וועלט זאגט נאך פונעם **ראפשיצער רב**, אז ער האט געזאגט, אז א שאד אז די מאמע רבקה האט זיך אריינגעמישט, אז יעקב זאל מקבל זיין די ברכות. עס וואלט בעסער אויסגעקומען ווען יצחק געבט די ברכות פאר עשו, און ער זאגט אים נאכדעם ויהי כאשר תריד, ווען ער וועט נישט האלטן די תורה, וועט עס איבערגיין פאר אונז, דעמאלטס וואלט מען בעסער אפגעשניטען. יעצט האט ער געזאגט אז ער געבט די ברכות פאר יעקב, אבער טאמער מען וועט נישט האלטען ...

**האדמו"ר מבוהוש:** ויתן ויחזור ויתן. כלל ישראל איז אויך אזוי, נתבעין ונותנין, און נאכאמאל נתבעין ונותנין.

**רבינו:** אין אדם מעני מן הצדקה (טור יו"ד סימן רמז), כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך (דברים טו-י), דארט ליגט די ברכה. ויקחו לי תרומה (שמות כה-ב), מען געבט נישט, נאר מען נעמט.

**האדמו"ר מבוהוש:** עס שטייט אין פסוק (בראשית כו-יב) וימצא בשנה ההוא מאה שערים, און נאכדעם שטייט ויברכהו ה'. די מפרשים פרעגן, מען זעהט שוין די ברכה פריער, פארוואס זאגט ער דא ויברכהו ה'. נאר דער מדרש (ב"ר סד-ו) זאגט, ויברכהו ה', אומד זה למעשר היה. און אויף דעם זאגט דאך דער אייבערשטער ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די (מלאכי ג-י). קומט אויס, אז עס האט זיך אנגעהויבען מיט מאה שערים, אבער ויברכהו ה' אז עס זאל זיין א ברכה מער ווי מאה שערים, עד בלי די.

**רבינו:** משה רבינו האט אויך געבענטשט כלל ישראל, ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים (דברים א-יא), מיט א גבול. און יודען האבען געפרעגט, אתה נותן קצבה לברכותינו. האט משה רבינו געזאגט, זו משלי הוא, אבער דער אייבערשטער ויברך אתכם כאשר דבר לכם (רש"י). מאה שערים איז פון איין זייט, און ויברכהו ה', דער אייבערשטער האט אים צוגעגעבן עד בלי די. - דער באשעפער האט גענוג, און ער קען געבן.

**האדמו"ר מבוהוש:** דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו א מטבע של אש, איז א סימן אז עס איז דא דארט א גרויסער אוצר.

**רבינו:** עס שטייט אין **נועם אלימלך**, פונעם **רבי ר' אלימלך**, אז דער אייבערשטער האט אים געוויזען א מטבע של אש, ווייל פייער קען ווארעמען, און פייער קען פארברענען, און חרוב מאכען. אזוי אויך א מטבע ווענט זיך וואו אזוי מען נוצט עס. עס קען אמאל חרוב מאכען א שטוב, און אמאל ווארעמט עס, ווען מען טוט דערמיט גוטס.

**האדמו"ר מבוהוש:** דער אייבערשטער האט געוויזען פאר יעקב, והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה (כח-יב), סלם איז בגימטריא ממון. עס קען זיין מוצב ארצה, און עס קען זיין ראשו מגיע השמימה.

**רבינו:** מען דארף משפיע זיין פארן עולם אז מען זאל האבען, כדי מען זאל קענען געבן.

**האדמו"ר מבוהוש:** אין זכות פון די מצוה פון הכנסת אורחים.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת, און משפיע זיין פאר יודישע קינדער, מתוך שמחה טוב לבב.

**האדמו"ר מבוהוש:** אמן. והמברך יתברך.

**רבינו:** עס שטייט די וואך ביי די ברכות, ויבא לו יין וישת (כז-כה), יעקב האט געברענגט וויין, און נאכדעם האט יצחק געגעבן די ברכה. אין תרגום יונתן שטייט, פון וואו האט ער געהאט וויין, עס שטייט נישט פארדעם אז ער האט צוגעגרייט צו ברענגען וויין. נאר א מלאך איז געקומען און ער האט געברענגט וויין וואס איז געווען אוועקגעלייגט פון ששת ימי בראשית.

איך האב געזען שטיין, אז אויף די ווערטער 'ויבא לו' יין, איז די נגינה א דרגא און א מרכא כפולה, ווייל עס איז געווען א דאפעלטע ויבא. קודם האט עס א מלאך געברענגט, און נאכדעם האט עס יעקב געברענגט פארן פאטער.

אין די גאנצע פרשה זעהט מען אז די ברכות איז נאר חל ווען עס איז בשמחה. יצחק האט געדארפט עסן פאר דעם, און טרינקען ווין, יעקב האט געדארפט געבן א קוש, מעורר צו זיין די אהבה, צו קענען געבן די ברכה פון ויתן לך.

**האדמו"ר מבוהוש:** אין סוף פון די פרשה שטייט, ויתן לך את ברכת אברהם, לך ולזרעך אתך (כח-ד), די צווייטע 'לך' איז איבריג, עס וואלט געקענט שטיין ויתן לך את ברכת אברהם, ולזרעך אתך, פארוואס זאגט ער נאכאמאל 'לך' ולזרער. האט דער זיידע ז"ל געטייטשט, אז די גרעסטע ברכה וואס מען גיט פארן זיידען, איז אז די אייניקלעך זאלן נישט משנה זיין די ברכה. ויתן לך את ברכת אברהם, לך ולזרעך זאלן האבען די זעלבע ברכה. די קינדער זאלן נישט פאדערן קיין אנדערע זאכען. וואס איז גוט פארן טאטען זאל זיין גוט פארן קינד. - די ברכה האט ער געגעבן נאר פאר יעקב, און נישט פאר עשו.

*

**האדמו"ר מבוהוש:** עס איז היינט נאכט די יארצייט פון **רבי הערש פון רימנוב** זי"ע. א' דר"ח כסלו.

**רבינו:** אלע צדיקים האבען זייער גרויס געהאלטן אויפן רבי ר' הערש.

**האדמו"ר מבוהוש:** והכהן הגדול מאחיו (ויקרא כא-י).

**רבינו:** דער **צאנזער רב** האט זיך געהאלטן פאר א תלמיד.

**האדמו"ר מבוהוש:** א יוד איז אמאל געווען ביים הייליגען **רוזינער**, און ער האט געוואלט אהיימפארן, האט אים דער **רוזינער** געזאגט, אז ער זאל פארבלייבען, ווייל אין א פאר טאג דארף קומען א מלאך, זאלסטו זעהן א מלאך. **רבי הערש פון רימנוב** האט געדארפט קומען, האט ער אים געהייסען בלייבען, כדי ער זאל זעהן א מלאך.

**רבינו:** די וועלט זאגט א ווערטל, אז א יודענע האט זיך אמאל אויפגעטון, און זי האט געזאגט, אז מיין מאן איז א מלאך. האט איר די צווייטע אידענע געזאגט, מיין מאן איז אויך נישט א מענטש. - עס איז דא, נישט א מענטש, און עס איז דא, א מלאך. עס איז צוויי זאכען.

**האדמו"ר מבוהוש:** די צדיקים וואס זענען מלאכים, זענען מענטשען אויך.

**רבינו:** זיי ווערן אנגערופן איש האלקים, ער איז א 'איש', און א 'אלקים' אויך. אמאל האט מען א אדם גדול גערופן א 'אדם גדול'. היינט רופט מען אים נאר סתם 'א גדול', ווייל נישט אייביג איז ער א 'אדם'. די חשיבות איזביידע צוזאמען.

**האדמו"ר מבוהוש:** ונמצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם.

**רבינו:** דער עיקר איז מען זאל קענען אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון, מיט ברכה און הצלחה ומתוך שמחה וטוב לבב.

**רבינו שליט"א מסר להאדמו"ר מבוהוש שליט"א ספר תהלים ולאשר אמר - ויגד משה החדש**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הרה"ג רבי **יחיאל יאיר ניימאן** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי אהרן גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ פאפא וומסב"ג (חתן הגה"צ אב"ד לאנדסבערג זצ"ל), עב"ג **בן הרה"ג רבי נפתלי צבי הורוויץ שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד ראחוב שליט"א), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***<u>יום חמישי פרשת תולדות – א' דר"ח כסלו</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בהיכל **ישיבה קטנה נועם התורה** שע"י קהלתנו הק'. **רבינו שליט"א** ניגש לאמירת הלל לפני התיבה.

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת ראש חודש. במשך הסעודה נאמו: הר"י הרה"ג רבי **יואל גרובער** שליט"א, הרה"ג רבי **בנציון קרויס** שליט"א ר"מ בישיבה, הבחור **ישעי' גראס** נ"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש ודברי הדרכה לבחורי הישיבה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג **שלום דייטש** שליט"א משגיח רוחני בישיבה.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל ארויסברענגען מיינע הרגשים, עס איז די ערשטע מאל וואס איך דאווען דא א שחרית. ווי שיין די בחורים האבען געדאוונט, מיט א חיות, מיט א ברען, מיט א התלהבות. און נאך די דרשות וואס איך האב פריער געהערט, איז עס מיר נישט

א חידוש, פארוואס מען האט אזוי געדאווענט. מען האט געהערט ווי דער חשוב'ער ראש ישיבה, און דער מגיד שיעור, האבען אזוי שיין גערעדט, און מען זעהט די כוחות וואס זיי לייגען אריין אין די תלמידים, איז פארשטענדליך אז מען קומט צו, צו אזא השגה, און אזא מדריגה, אז מען זאל אזוי שיין דאווענען.

**די** תורה פארציילט די וואך, ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה' (כה-כב). רש"י זאגט, אז ווען זי איז אדורכגעגאנגען ביי א פתח פון א בית המדרש, האט יעקב געוואלט ארויסגיין, ווען זי איז אדורכגעגאנגען ביי א פתח פון עבודה זרה, האט עשו געוואלט ארויסגיין. זי האט דאך נישט געוואוסט אז עס איז צוויי קינדער, זי האט געמיינט אז דאס איז די זעלבע קינד, האט זי נישט פארשטאנען וואס עס גייט פאר. און מען האט איר געזאגט, שני גוים בבטנך, איינער גייט נאך עבודה זרה, דאס איז עשו. און איינער גייט אין בית המדרש אריין.

**די** וועלט פרעגט א קשיא, מילא עשו האט געוואלט ארויסגיין ווען ער איז געקומען על פתחי עבודה זרה, איז פארשטענדליך. ווייל עס שטייט אין די גמרא (נדה ל:), אז במעי אמו מלמדין אותו כל התורה כולה, בעפאר מען קומט אראפ אויף די וועלט, לערנט א מלאך די גאנצע תורה מיט יעדן יודיש קינד. יעדער יוד פון אונז האט געקענט די גאנצע תורה, מיר מאכען יעצט חזרה אויף וואס מען האט שוין אמאל געלערנט. [עס שטייט פונעם **רבי ר' אלימלך זי"ע** (**ליקוטי שושנה** ד"ה משוך) אז ווען נישט דעם, וואלט מען נישט געקענט האבען א השגה אין תורה. נאר ווייל מיר האבען שוין אמאל געלערנט מיט א מלאך, און מיר האבען שוין זוכה געווען אמאל צו קדושת התורה, וועגן דעם קען מען ווייטער שטייגען אין תורה]. ווען מען זיצט מיט א מלאך און מען לערנט, און מען שטעלט אריין עשו אין א ישיבה, און ער דארף זיצען און לערנען א גאנצען טאג, איז ער מפרכס לצאת, זוכט ער ארויסצוגיין. עס שטייט פונעם **חרדים** אז דער בית המדרש איז א גן עדן פאר די צדיקים, און עס איז א גיהנם פאר די רשעים.

איינער וואס האלט ביים לערנען איז עס א גן עדן, און איינער וואס האלט נישט ביים לערנען, און מען זעצט אים אריין אז ער זאל זיצען אין בית המדרש א גאנצן טאג, איז ער אין תפיסה, און וועגן דעם איז עשו מפרכס לצאת. אבער פארוואס איז יעקב מפרכס לצאת, ווילאנג ער איז נאך במעי אמו, לערנט מען מיט אים די גאנצע תורה, און ווען ער וועט ארויסגיין וועט קומען א מלאך וסטרו על פיו, ער וועט אים געבן א שנעלקע, און ער וועט פארגעסן וואס ער האט געלערנט, און ער וועט דארף אנהייבען פון די אלף, פארוואס וויל ער ארויסגיין. עס איז דאך זייער גוט אז מען קען זיצען מיטן מלאך און לערנען תורה.

**די** וועלט זאגט, אז ווי איידער צו זיצען אין איין חדר מיט עשו, איז ענדערש ארויסצוגיין פונעם חדר. **חברותא מאכט אסאך אויס, אז מען איז ארומגענומען מיט גוטע חברים איז עס משפיע, און ווען מען איז ארומגענומען מיט שלעכטע חברים איז עס נאך מער משפיע.** יעקב האט נישט געוואלט זיצען מיט עשו, ער האט געוואלט גיין אין בית המדרש, און פטור ווערן פון עשו. ער מוז טאקע איבערלאזען דעם מלאך וואס האט געלערנט מיט אים תורה, אבער עס איז אים מער כדאי זיך אפצוטיילען פון א שלעכטען חבר. און וועגן דעם איז ער געווען מפרכס לצאת.

**אבער** דער פשט דערפון איז טיפער. דאס אז א מלאך זיצט און לערנט מיט א מענטש כל התורה כולה, און ער איז זוכה צו קענען די גאנצע תורה, איז נישט קיין מעלה. ער קען טאקע די גאנצע תורה, אבער וואס האסט דו צוגעטון צו דעם לימוד התורה. מען האט גענומען א מלאך, וואס האט אים אריינגעלייגט די גאנצע תורה אין קאפ. דו פארשטייסט טאקע די תורה, אבער אין דעם שאנק ליגט אויך גאנץ ש"ס, וועגן דעם איז דער שאנק נאכנישט געווארן עפעס א דבר חשוב. עס האט א קדושה, ווייל עס האלט אין זיך דעם ש"ס, אבער בעצם פאר זיך אליין האט ער נישט קיין שום מעלה. אין א קאמפיוטער קען מען אויך אריינלייגען כל התורה כולו, אבער ער בלייבט ווייטער א דומם, ער איז ווייטער א קלאץ, ער איז גארנישט. א מענטש וואס לערנט תורה מיט א

מלאך, דער מלאך האט אים אלעס אויסגעלערנט, און ער האט זיך נישט געפלאגט אויף די תורה, האט עס נישט קיין חשיבות. די חשיבות איז, ווען א מענטש פארגעסט כל התורה כולו, און ער דארף אנהייבען פון די אלף בית, ער דארף לערנען עברי, חומש רש"י, שיעור פשוט און שיעור עיון, ביז מען וואקסט אויס צו זיין א גדול בתורה. דאס פלאגען זיך אויף תורה, דאס האט א חשיבות.

**די** תורה הק' זאגט, אם בחוקותי תלכו (ויקרא כו-ג), וועט זיין די אלע ברכות. און רש"י טייטשט, שתהיו עמלים בתורה. אם בחוקותי תלכו מיינט, אז מען וועט זיך פלאגען אויף תורה. וואס פאר א שייכות האט אם בחוקותי תלכו, אז איר וועט גיין אין מיינע חוקים, מיט שתהיו עמלים בתורה, אז מען דארף זיך פלאגען אויף תורה. תורה דארף מען זיצען אויף איין פלאץ, און הארעווען אין לערנען, וואס איז די לשון אם בחוקותי 'תלכו', און אין דעם ליגט שתהיו עמלים בתורה.

**איך** האב אמאל געהערט טייטשן, אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס האט געליטען אויף א מיחוש. און דער דאקטער האט אים געזאגט, אז עס איז פאר אים זייער געזונט, אז ער זאל מאכען איבונגען [עקסערסייז] פאר זיין גוף, און דאס וועט אים מחזק זיין, אז ער זאל זיין געזונט. ער דארף יעדן טאג גיין שפאצירן א שעה, און דאס וועט אים געבן חיזוק. האט דער יוד געטון וואס מען דארף צו טון, און ער איז יעדן טאג ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב, און ער איז געגאנגען א האלבע שעה איין וועג, און א האלבע שעה איז ער צוריקגעגאנגען דעם וועג. ער האט געטון וואס דער דאקטער האט אים געהייסען.

**איינמאל** ווען ער גייט אזוי אויפן וועג, פארט אדורך זיין חבר מיט א קאר, און ער שטעלט זיך אפ, און ער זאגט אים, איך זעה אז דו גייסט דארט אהין און אהין, קום איך וועל דיר געבן א היט"ש. וואס דארפסטו גיין ביז אהין, איך וועל דיר צוטראגען אהין. זאגט ער אים, ניין ניין, איך דארף יעצט 'גיין', איך דארף נישט 'אנקומען' אהין. פון דעם וואס דו וועסט מיר אהין טראגען, און איך וועל אנקומען דארט, האב איך גארנישט אויפגעטון.

**דאס** זעלבע איז אין עמלות בתורה. **תורה איז נישט געמאכט געווארן אז מען זאל קענען די גאנצע תורה, און טאמער מען וועט אים ארייגלייגען א טשי"פ אין קאפ, און ער וועט קענען מיט דעם די גאנצע תורה, האט עס נישט קיין שום חשיבות. די ציל פון א מענטש איז נישט אנצוקומען אהין, די ציל איז צו גיין די גאנצע וועג ביז מען קומט אן אהין. פלאגען זיך אויף יעדע שטיקעלע גמרא. און אז מען פארשטייט די גמרא מיט די רש"י און תוספות, מיט די מפרשים דערויף, דאס איז די עמלות בתורה, און דאס איז די חשיבות פון תורה.**

**אם** בחוקותי תלכו, ווען איר וועט גיין אין מיינע חוקים, אזוי ווי א מענטש וואס דארף שפאצירען, וואס זיין ציל איז נישט אז ער זאל אהין אנקומען, נאר זיין ציל איז דאס עצם גיין אהין און צוריק, אזוי דארף זיין דאס עמלות בתורה. עס איז נישט קיין נפקא מינה וויפיל איך בין אנגעקומען, עס איז דא איינער וואס איז מער מצליח און עס איז דא איינער וואס איז ווייניגער מצליח. דער עיקר איז וויפיל מען האט זיך געפלאגט דערויף. דעם שכר וועט מען באקומען לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), לויט וויפיל מען האט זיך געפלאגט, לויט דעם וועט זיין דער שכר. די חשיבות פון תורה איז נישט, צו קענען די תורה, נאר זיך צו פלאגען ביז מען וועט קענען די תורה.

**יעקב** איז געווען במעי אמו, און מען האט געלערנט מיט אים די גאנצע תורה. יעקב דארף נישט אזא תורה, יעקב איז מפרכס לצאת, איך וויל פארגעסן די גאנצע תורה, איך וויל זיך פלאגען פון מיר אליין צו פארשטיין יעדע זאך. און פאר דעם לאזט ער ענדערש איבער דעם מלאך, און ער קומט אין בית המדרש צו לערנען תורה.

*

**און** מען האט אים א נאמען געגעבן יעקב, ווייל ידו אוחזת בעקב עשו (כה-כו). יעקב איש תם יושב אהלים, דער מובחר שבאבות, די אבות הקדושים זענען די העסטע וואס איז דא ביי יודען, און יעקב איז געווען דער מובחר שבאבות. פארוואס האט מען אים א נאמען געגעבן יעקב, ווייל ווען ער איז

געבוירן געווארן, האט ער אנגעכאפט די פוס פון עשו. עס איז זייער אן אינטערעסאנטע אויסדרוק אז פאר דעם זאל מען אים געבן א נאמען יעקב, און גאנץ כלל ישראל ווערט אנגערופן יעקב, ווייל עס איז געווען ידו אוחזת בעקב עשו.

**ווען** מען זעהט א יוד א צדיק, וואס איז אויסגעוואקסען א תלמיד חכם און אן עובד ה', מיינט מען אסאך מאל, אז עס איז אים גרינג אנגעקומען, ביז ער איז צוגעקומען דערצו. אלע זענען געווען אזעלכע בחורים ווי ענק, אלע האבען געהאט די זעלבע נסיונות און די זעלבע שוועריקייטען וואס מיר האבען. ווי מען האט פריער געהערט, אז די מניעות איז די מפתח פון די הצלחה. זיי האבען געהאט די זעלבע שוועריקייטען פון אונז, און זיי האבען נישט געקוקט אויף די שוועריקייטען וואס מען האט, און געהארוועט ווייטער און ווייטער ביז זיי האבען עס אדורכגעבראכען, און מען איז אויסגעוואקסען, צו דעם וואס מען איז אנגעקומען.

**די** פוס פון עשו לויפן צו עולם הזה. ווי גייט א גוי, נאר דארט ווי ער קען הנאה האבען. דאס איז זיין גאנצער לעבן, עפעס אנדערש האט ער נישט אויף די וועלט, נאר תענוג און הנאה, דאס איז זיין גאנצע חיות. **דו ווערסט מיינען אז ווען יעקב קומט אויף די וועלט, האט ער גארנישט צוטון מיט די פוס פון עשו. זיינע פוס זענען אנדערע פוס, ער לויפט נאר אין בית המדרש, ער לויפט נישט דארט ווי עשו לויפט. עס איז נישט אזוי. יעקב איז געבוירן געווארן מיט די זעלבע נטיות וואס עשו איז געבוירן געווארן. וואו עשו וויל גיין, וויל יעקב אויך גיין. זיין גוף איז די זעלבע גוף ווי עשו'ס. עשו וויל גיין נאך זיינע תענוגים, און יעקב איז אויך אזוי געבוירן געווארן צו גיין נאך די תענוגים. דאס איז דער גוף פונעם מענטש. יעקב ווייסט אבער ווי עס אנצוכאפן. אפילו איך האב די פוס פון עשו, האלט איך מיך צוריק, איך לייג א גדר פאר מיינע פוס. יושב אהלים, יעקב איז ארומגענומען מיט מחיצות. איך גיי נישט ווי איך וויל גיין, איך קוק נישט וואס אנדערע ווילן זעהן, עס אינטערעסירט מיך נישט וואס א אנדערער וויל זעהן, מיין פלאץ איז צו קומען אין בית המדרש.**

**די** תורה הק' פארציילט, אז דו זאלסט וויסען, אז יעקב איז אויך ידו אוחזת בעקב עשו, זיין האנט וויל אויך אנכאפן די פוסטריט פון עשו, ער איז אויך אזוי אויסגעשטעלט, אז ווי עשו וויל גיין וויל ער אויך גיין. אבער עס איז ידו אוחזת בעקב עשו, ער כאפט עס אן. כאטש ער האט די זעלבע פוס ווי עשו, האלט ער עס אן, אז ער זאל נישט גיין. - יעקב זענען די אותיות י' עקב, עס איז י'דו עק'ב, עס איז ידו אוחזת בעקב עשו. און דאס איז די עבודה פון א יוד. ווייל עס קומט אן שווער, און ווייל מען דארף זיך פלאגען, און א יוד פלאגט זיך, צום סוף קומט ער אן, און ער איז מצליח.

*

**עשו** איז צוריקגעקומען, והוא עיף פון רציחה (רש"י). און יעקב האט געכאפט די געלעגענהייט און ער האט אפגעקויפט פון אים די בכורה פאר א נזיד עדשים. דער לשון פונעם **רמב"ן** איז, אז א רשע זעהט נאר אלעס אויף דעם מאמענט, ער קוקט נישט אויף ווייטער, וואס עס וועט זיין שפעטער. יעצט איז דא א נזיד עדשים, מען קען אריינכאפן און אויפעסן א טעלער גוטע לינדזען. אויף די בכורה, ווועלן מיר זיך דעמאלטס זארגען. א גוי קוקט נישט וואס עס וועט זיין שפעטער, א גוי קוקט וואס איז יעצט. א יוד קוקט נישט וואס איז יעצט, יודען זענען אן עם חכם ונבון (דברים ד-ו), איזהו חכם הרואה את הנולד (תמיד לב.), ער קוקט וואס עס וועט זיין שפעטער. יעצט פלאג איך זיך, אבער איך וועל ערגעץ אנקומען. די חשיבות ביי א יוד איז נישט וואס עס איז יעצט, נאר די חשיבות איז, וואו ער גייט אנקומען, און וואו ער וועט שפעטער מצליח זיין.

**די** וועלט פארציילט, אז א יוד איז אמאל אריינגעקומען צו א צדיק, און ער האט זיך אויסגערעדט אז ער האט נישט קיין פרנסה, און ער דארף חתונה מאכען די קינדער, און ער זעהט נישט פון וואו ער וועט נעמען געלט. האט אים דער צדיק געזאגט, די ערשטע געשעפט וואס מען טראגט דיר אן צו טון, גיי אריין דערין. און איך בין מתפלל, אז דו זאלסט האבען הצלחה.

**דער** יוד איז אוועקגעפארן, און ער איז אנגעקומען אין א קרעטשמע, און עס זענען געזעסן דארט

סוחרים, און זיי האבן געשמועסט אין געשעפטן. זיי זענען געווען גאר פשוטע מענטשען, און ווען זיי האבן געזען א צובראכענע יוד'ל זיצט אין די זייט, האבן זיי זיך געוואלט אביסל אונטערהאלטן, רופט זיך איינער אן, אפשר קען איך מאכען מיט דיר א געשעפט. געב מיר א גאלדענעם רענדל, און איך פארקויף דיר מיין עולם הבא. דער רבי האט דאך געזאגט, אז דעם ערשטען געשעפט זאל ער מאכען, נעמט ער ארויס א גאלדענעם רענדל, די איינציגסטע מטבע וואס ער האט געהאט, און ער זאגט אים דא האסטו, איך וויל האבען פון דיר א כתב, אז דו האסט מיר פארקויפט דיין עולם הבא. האט ער אים געגעבן א כתב, אז ער האט אים פארקויפט זיין עולם הבא.

**דער** יוד וואס האט פארקויפט דעם עולם הבא, איז אהיימגעגאנגען, און ער פארציילט פאר זיין ווייב, אז ער האט היינט געמאכט א גוט געשעפט, ער האט פארדינט א גאלדענעם רענדל. ער האט געטראפן א יוד'ל, און ער האט אים געזאגט, אז ער געבט אוועק זיין עולם הבא פאר א גאלדענעם רענדל, און ער האט עס מיר געגעבן, קוק איך האב באקומען א גאלדענעם רענדל פאר גארנישט. זאגט אים דאס ווייב, וואס, דו האסט אוועקגעגעבן דיין עולם הבא. איך גיי יעצט וואוינען מיט א מאן וואס וועט נישט האבען קיין עולם הבא. איך וויל נישט וואוינען מיט א מענטש וואס האט נישט קיין עולם הבא. גיי צוריק, און נעם צוריק פון אים דאס געשעפט.

**גייט** ער צוריק, און ער זוכט אויף דעם יוד'ל, און ער זאט אים, איך האב זיך מיישב געווען, איך געב דיר צוריק דעם גאלדענעם רענדל, און געב מיר צוריק דעם עולם הבא. זאגט ער אים, ניין, איך געב עס נישט צוריק. איך האב עס אפגעקויפט ביי דיר, איך דארף עס האבען. זאגט ער אים, איך געב דיר צוויי רענדלעך, פינף, צען, און דער יוד וויל נישט צוריקגעבן. און ער פארציילט אים, אז ער איז געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט מיר געהייסען, אז איך זאל מאכען דעם ערשטען געשעפט, און דאס איז געווען מיין ערשטען געשעפט, און דא ליגט מיין הצלחה. האט ער אים געזאגט, אז דער רבי האט אזוי געזאגט, לאמיר גיין צום רבי'ן.

**גייט** ער צום רבי'ן מיט דעם יוד צוזאמען, און ער פארציילט די גאנצע מעשה, און ער זאגט, איך בין גרייט צו געבן אפילו מיט ריוח, אבי ער זאל עס מיר צוריקגעבן, אבער ער וויל עס נישט צוריקגעבן. זאגט אים דער רבי, ער האט דאך עס אפגעקויפט ביי דיר. אבער איך מיין, אז אויב דו וועסט אים אויסצאלען די חתונה, וואס ער דארף האבען פאר זיין קינד, וועט ער דיר צוריקגעבן דעם עולם הבא. זאגט ער, וואס, אזא גרויס פארמעגן. זאגט ער, יא, ווילסט נישט איז נישט, איז נישט דא קיין געשעפט. ער האט דאך נישט געהאט א ברירה, ער האט דאך געוואוסט אז ער קען נישט צוריק אהיימגיין, אויב ער האט נישט דעם עולם הבא, האט ער געזאגט, פארפאלן. און ער האט אים אויסגעצאלט וויפיל עס קאסט חתונה צו מאכען זיין קינד.

**זאגט** ער פארן רבי'ן, איך וויל אבער פרעגן דעם רבי'ן א קשיא. דאס איז יושר?! איך האב פארקויפט מיין עולם הבא פאר איין רענדל, און יעצט פאפט ער מיר אויס, און ער נעמט פון מיר צען טויזנט רענדלעך, וואס ער דארף האבען חתונה צו מאכען א קינד.

**זאגט** אים דער צדיק, יא, די פרייז פון א זאך איז, וויפיל עס איז ווערט ביי א מענטש. עס איז דא אמאל א זאך וואס פאר דעם מענטש איז עס גארנישט ווערט, און פאר אן אנדערן איז עס ווערט א הון רב. ווען דו האסט פארקויפט דיין עולם הבא, האסטו פארקויפט א זאך וואס ביי דיר איז עס גארנישט ווערט געווען, און דו האסט נאך פארדינט א גאלדען רענדל, ווייל דיין עולם הבא איז נישט ווערט געווען ביי דיר קיין איין פרוטה, האסטו געמאכט א גוט געשעפט. דו האסט באקומען פאר א זאך וואס איז גארנישט ווערט, א גאלדענעם רענדל. אבער היינט ווען דו קויפסט אפ דיין עולם הבא פאר אזויפיל געלט, איז עס נישט ווייל דיין עולם הבא איז ביי דיר אזויפיל ווערט, נאר דיין ווייב און קינדער זענען דיר אזויפיל ווערט. כדי דו זאלסט נישט מוזען איבערלאזן דיין ווייב מיט די קינדער, ביזטו גרייט צו צאלן, אז דו זאלסט קענען צוריקבאקומען דיין עולם הבא, ווייל דיין ווייב און קינדער זענען אזופיל ווערט.

**דאס** איז די חשיבות פון א יוד. א יוד קוקט נישט אויף די שווערקייטען וואס איז דא יעצט, א יוד קוקט אויפן עתיד, וואס וועט זיין שפעטער. עשו איז טאקע נהנה אויף די וועלט, אבער צום סוף בלייבט פון דעם גארנישט. אבער א יוד פלאגט זיך טאקע אויף די וועלט, די תורה און עבודת ה' קומט אים אן שווער, אבער דער עתיד וואס ווארט פאר א יוד, מען רעדט שוין נישט פון עולם הבא, נאר פון דעם אשריך וטוב לך (תהלים קכח-ב), אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד), ווי גליקלעך איז, ווען מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, ווי שיין איז א שטוב פון א תלמיד חכם. און דאס איז אונזער עבודה אויסצווואקסען און צו שטייגען אין תורה.

**ב"ה** מען זיצט דא אויף א פיין פלאץ, ווי עס איז דא די מעגליכקייטן אז מען זאל קענען שטייגען. און די בחורים זענען בעלי מקבלים, און האבען די מעגליכקייטן ארוסצוגעבן זייער תוכן, און קענען וואקסען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל מצליח זיין אין תורה און עבודת ה'. אלע כלי קודש וואס זענען ענקערע משפיעים, זאל דער אייבערשטער געבן דעם כח, אז זיי זאלן קענען משפיע זיין, און איר זאלט קענען זיין די מקבלים. די חשובע בעלי בתים וואס האבען גענומען אויף זיך דעם עול דאס אדורכצופירן, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען מיט ברכה און הצלחה אין אלעם וואס זיי טוען. מען זאל האבען א פריילי‍כען לוסטיגען חודש, א חודש וואס דער אייבערשטער האט אונז געמאכט דעם נס פון חנוכה בימים ההם בזמן הזה, זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי בשו"ע, וגם שיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>ערב שבת פרשת תולדות</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הרה"ג רבי **יהושע נתן פייפער** שליט"א, שהתקיים בבית מדרשו ברכת מנחם. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תולדות</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א.**

אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מבוהוש שליט"א**, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

בקריאת התורה התקיים שמחת הבאווארפן של החתן **יוסף דוד כ"ץ** נ"י בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (בן הר"ר גרשון כ"ץ הי"ו), וקריאת השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית נתכבד הרב **צבי אלימלך דייטש** שליט"א בברכת המזון.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יעקב גראסבערג** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אשת הר"ר **אהרן פראנקל** הי"ו, ק"י).